# תורת יואל

גליון מס' 43

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת פנחס תשפ"ה


## וידבר ד' אל משה לאמר, פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן וגו'.

רש"י: **לפי שהי' השבטים מבזין אותו**, רש"י איז מסביר: פארוואס די תורה איז מייחס פנחס נאך אהרן הכהן, ווייל די שבטים האבן אים פארשעמט, און געזאגט: קוקט'ס אן דעם בן-פוטי וואס האט געהארגעט א נשיא בישראל, (זיין מאמע איז געווען מבנות פוטיאל - געשטאמט פון יתרו) וועגן דעם איז די תורה אים מייחס נאך אהרן הכהן, צו ווייזן אז ער האט אלעס געטוהן על פי תורה.

פרעגן די מפרשים, די שבטים האבן אויך גוט געוואוסט אז פנחס איז אן אייניקל פון אהרן הכהן, און דאס אז ער איז בן-פוטי איז דאך אויך אמת, אויב אזוי וואס העלפט אונז אז דער פסוק איז אים מייחס נאך אהרן הכהן.

דער רבי לייגט צו נאך א קשיא: ממה נפשך אויב איז דאס הארגענען **זמרו בן סלוא** געווען ע"פ תורה, מעג דאך יעדער איד דאס טהון - נישט נאר א יחסן, אויב איז עס חלילה נישט געווען ע"פ תורה און כהלכה, וואס איז יעצט בעסער אז פנחס איז אהרן'ס אייניקל, וואס העלפט **זכות אבות**?

דער רבי ברענגט פון ספרי מוסר, אז יעדער איד האט אין זיך א **חלק הטוב** און א **חלק הרע**, אויף די רעכטע זייט פון א מענטש רוהט דער **יצר טוב** וואס שטופט דעם מענטש צו טוהן נאר גוטס, אין די לינקע זייט זיצט דער יצר הרע וואס ציהט אויף פארקערט רח"ל.

**פנחס בן אלעזר** האט אויך געהאט צוויי זייטן, פון זיין טאטע'ס זייט איז ער אן אייניקל פון אהרן הכהן, כולו טוב, און פון זיין מאמע'ס זייט אן אייניקל פון עובדי ע"ז, כולו רע, די שבטים האבן גע'טענה'עט, אז אפי' ער איז א אייניקל פון אהרן, אבער ביי די מעשה האט די צד הרע גובר געווען, וועגן דעם האבן זיי אים אנגערופן בן-פוטי, ווי גלייך צו זאגן אז פנחס האט נישט געטארט הארגענען, קומט דער פסוק און איז אים מייחס נאך אהרן הכהן, צו ווייזן אז די מעשה פון הארגענען זמרי בן סלוא, איז יא געקומען פון צד הטוב און פנחס האט ריכטיג געהאנדעלט.

**דער רבי זי"ע פארענטפערט די קשיות אויף נאך א אופן:**

די גמרא זאגט אין **מסכת קידושין** (עו א') **אין בודקין מן המזבח ולמעלה** טייטש: איינער וואס מען לאזט טוהן די עבודה אויפן מזבח, איז זיכער א **100% כשר'ער און מיוחס'דיגער כהן**, און מ'דארף נישט מער נאכזוכען, **רבי חנינא בן אנטיגנוס** זאגט: אויך די וואס זענען געווען א טייל פון דוד המלך'ס מיליטער, דארף מען אויך נישט בודק זיין, **הטעם: אמר רב יהודה אמר רב:** ווייל מען האט נאר גענומען אין מיליטער, גאר עהרליכע און מיוחס'דיגע מענטש פארוואס? כדי זייער אייגענע זכות און אויך די זכות פון זייערע עלטערן זאל מגין זיין בשעת הסכנה.

**פנחס בן אלעזר** האט מקנא געווען **קנאות ד'**, און זיך ארייגעלייגט אין א געוואלדיגע סכנה, ווייל שבט שמעון, וועמענ'ס נשיא ער האט געהארגעט, האבן געוואלט נקמה נעמען און הארגענען פנחס, דער **תרגום יונתן** דערציילט אז 12 ניסים איז געשען צו פנחס דאן, וועגן דעם האבן די שבטים געזאגט אז ער איז בן-פוטי, אויב אזוי - ווי אזוי האט ער זיך געטרויעט ארייגצוגיין אין א סכנה, קומט דער פסוק אין מייחס צו אהרן הכהן, אז בזכות פון זיינע עהרליכע זיידעס איז ער ניצל געווארן, ווייל די זכות אבות זענען מגין בשעת הסכנה.

# א ביטעלע זכרונות (המשך)

**הרה"ח ר' דוד גדלי' פאגעל שליט"א (ג)**

## קברי צדיקים

ר' גדלי' פארציילט, אז ער איז מיטגעפארן מיטן רבי'ן, ווען דער רבי האט פוקד געווען אויף די הייליגע ציונים אין גליל, דעם ערשטן טאג איז מען געווען אין מירון, אויפן וועג פון ירושלים קיין מירון, איז דער רבי געפארן אויפן באס מיטן גאנצען עולם, אויף זיין נעבן-זיץ איז געווען פול מיט ספרים וואס דער רבי האט געהייסן מיטנעמען.

א זיץ דערונטער איז געזיצן הרה"ג ר' הילל שלעזינגער ז"ל - חבר הבד"ץ, און דערנעבן איז געזעצן ר' סענדער דייטש ז"ל, און זיי האבן זיך אזוי ארומגע'טענה'עט בעניני ציונות, דער רבי האט אלעס אזוי אונטערגעהערט אבער זיך קיינמאל נישט אנגערופן, אינמיטן וועג זאגט הר"ר הילל אז מען זאל נישט בשום אופן נישט פארן דורך עכו, ווייל ס'איז דא א **תוספות אין גיטין**, וואס איז מסופק אויב די שטאט עכו איז א חלק פון א"י, און איך (הר"ר הילל) בין נאך קיינמאל נישט ארויסגעפארן פון א"י!!! רבי סענדער זאגט אז מ'קען נישט מאכן א אומוועג, דער וועג וועט דויערן פיהל לענגער, און האט בכלל אוועקגעמאכט די גאנצע חומרא, פלוצים גיט זיך דער רבי א הייב אויף, און זאגט: **מען זאל פארן ווי ר' הילל הייסט פארן.**

פון מירון איז מען געפארן קיין צפת, ווי מען איז איבערגעשלאפן, מיר בחורים זענען געשלאפן אין א שוהל, דער רבי האט געהאט א דירה נישט ווייט, אין כאטש מיר זענען געווען אפגעמוטשעט פונעם טאג האבן מיר נישט געקענט שלאפן, ס'איז געווען הייס און נישט צו באקוועם, ארום 4 פארטאגס האבן מיר באשלאסן, מיר גייען זעהן וואס דער רבי טוט יעצט, שטילערהייט האבן מיר צושפאצירט צו די דירה, און מיר זעהן פונדערווייטנס, ווי דער רבי זיצט ביי א טישל אינדרויסען, און לערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, וואס מיר האבן נישט געקענט משיג זיין, ווי נאך אזא שווערן וועג, און די עבודה אין מירון, איז דער רבי וואך און מונטער, און לערנט מיט אזא אהבת התורה.

שפעטער אין טאג האט דער רבי פוקד געווען אויפן בית החיים אין צפת, א פלא דער רבי האט זיך אפגעשטעלט ביים קבר בית יוסף און ביים אריז"ל אין נאך, דער רבי האט נישט געבעטן קיין תהילים נאר געשטאנען ביים קבר פארטראכט און גע'מוח'עט, וואס האט געווארפן א פחד אויף די ארומיגע, נאר ביים ציון פון זיידען דער טאלטשעווער רב זצ"ל (בעמ"ס תולדות אדם, שווער פון יטב לב) האט דער רבי געבעטן א תהילים, אראפגייענדיג ביים קבר פנחס בן יאיר, האט הר"ר שלום ראזענטאהל צפת'ער רב, וואס האט באגלייט דעם רבי'ן, געזאגט אז דא איז דער אנגענומענער מנהג, אז מ'דרייט זיך ארום זיבן מאל, דער רבי האט זיך איינס אדער צוויי מאל ארומגעדרייט און געזאגט גענוג.

**אגב:** דער טאלטשעווער רב זצ"ל, איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל אויף די עלטערע יארן, און זיך באזעצט אין צפת, אין זיין צוואה שרייבט ער, אז דאס הויז קען נאר ירש'ענען דער איידעם דער יטב לב, אויב ער קומט זיך באזעצן אין צפת, אויב קומט ער נישט, גייט דער הויז אריבער צו הקדש, פאר תלמידי חכמים זאלן זיך באזעצן, **בתנאי** - אז ס'ווערט געפראוועט א **סעודת ראש חודש** מדי חודש בחדשו.

חודש אייר תשפ"ה העעל"ט, זענען מיר געווען א גרופע אין צפת עיה"ק, אין געטראפן א איד - א צאנזער חסיד - ארויסקומען פון דעם **טאלטשעווער הויז**, און אונז באשטעטיגט: יא ס'ווערט געפראוועט א סעודה יעדן ראש חודש, איין חודש אין זיין דירה, און זיין שכן אין זעלבן הויז פראוועט דעם אנדערן חודש.

### הערת הקורא: הרה"ח ר' ארי' לייבוש רובין שליט"א

דעם רבי'ן'ס כ"ה נסיעה ליגט מיר גוט אין זכרון, איך האב געלערנט אין ישיבת טשעבין, סטאנציאנירט נעבן קטמון, און כ'האב גענומען א באס יעדן טאג צו מאה שערים צו זעהן דעם רבין. די רבי איז אנגעקומען דינסטאג מיטאג פרשת חקת פון חיפה, און איז איינגעשטאנען אין די בניני זופניק, איך האב ב"ה געהאט די זכי' צו זעהן דעם רבין לייגן תפילין מיטוואך, דאנערשטאג, און פרייטאג. דער רבי האט געהאט א חולשה און דעריבער געדאווענט אין צימער, דארט איז אויך געווען זיין בעט. ר' עזריאל האט מיך געקענט פון אמעריקע, ווייל זייט די 10 יאר בין איך אלץ אריינגעקומען פון בארא פארק צום רבין, און ר' עזריאל האט מיך מקרב געווען, אויך דא האט ער מיך אריינגעלאזט אין צימער

א פלא, כ'האט אלץ באמערקט דעם רבין'ס טאשנטיכעל ס'האט א מאנאגראם, מיט די בוכשטאבן (JT), און אין רבין'ס צימער באמערק איך אז די בעטגעוואנט האט אויך דעם זעלבע מאנאגראם, איך האב געשריבן מיין טאטען דערוועגן, (הרה"צ רבי שלום יחזקאל שרגא רובין-ה"ש זצ"ל, ציעשינוב'ער רב) אין באקומען אן ענטפער דערויף, אז ס'איז מקובל אין די משפחה, אז דער הייליגער צאנזער זיידע האט אויך פארלאנגט אז אלע זיינע געוואנטער זאלן האבן זיינע בוכשטאבן דערויף.

---

יביעות קאלומס

**מנהג**

**טעמו**

**ומקורו**

### מנהג: שבת'דיגע בגדים (ב)

**רבי חיים וויטאל** ברענגט נאך פון זיין רבי'ן דער הייליגער **אר"י הק'**, אז די שבת'דיגע קליידער זאל מען קיינמאל נישט אנטוהן אין די וואכן טעג, אפי' נישט א העמד, **לשון קדשו: אפי' החלוק של שבת אין ראוי ללבשו בימי החול כלל**, אין די וואכענדיגע קליידער זאל מען נישט אנטוהן אום שב"ק

אזוי אויך ווערט עס דערמאנט אין מגן אברהם בשם האריז"ל: **טוב שלא ילבש בחול מכל מה שלבש בשבת אפי' חלוק.**

און שו"ע הרב, איז די גירסא פארקערט, וז"ל **ויש אנשי מעשה מדקדקים שלא ללבוש בשבת מכל מה שלבש בחול אפי' אזור ומכנסים וחלוק.**